1 - גלע

גלע - 1.

?נ?   גלעבע I - די, =ס. באָדן (ב 1), ערד.

P: gleba

% די <u>גלעבע</u> איז אַ זאַמדיקע.

2 - גלב

ג ל ע ב ע II - די, =ס. (רעג, ליטע). אַ פּאַק וואָס מע טראָגט אַרומגענומען מיט ביידע אָרעמס; אַ ברעמע.

Lit: glėbis % "ער טראָגט שטרוי אין גלעבעס" |קטוו|.

1951 " גלעבע - אַ משא וואָס מען טראָגט מיט איין מאָל אין די הענט, ס'רוב אַ גלעבע (אויך קלעבע) האָלץ". 6

468, 106 כּתר

Д א בריה - ער נעמט צונױפֿ איין אײַן גלעבע די ציג און די קרויט - איראָניש וועגן אַ שלימזל.

3 - גלז

ג ל ע ז י ק  –  אַדי/אַדוו. ווי פֿון גלאָז.

1943  " זײַנע אויגן זײַנען גלעזיק געוואָרן".

אש, 14א, 13.

4 - גלז

ג ל ע ז י ר ן - ----> גלאזירן.

5 - 

ג ל ע ז ל - דאָס, =עך. 1. ערשטע פּקפּ פון גלאָז, ב1,

אַ שטיקל גלאָז. % אויפֿן הויף וואַלגערן זיך

שערבלעך פֿון טעפּ, גלעזלעך פֿון צעבראָכענע שויבן.

דאָס קינד שפּילט זיך מיט קאָלירטע גלעזלעך.

2. קליינע גלאָז (ב 2)

1926 " קוקט זיך צו, מיט וואָס פֿאַר אַ גיכקייט און

ווי הויך ס'שטייגט אַרויף די וואַסער אין אַלע 57

דריי גלעזלעך". יאַכינסאָן, 2, 150.

6 - גלז

3. דזוו גלאָז, ב 3, געניצט אין צערטל=פֿאַרמע,
ס'רוב צוזאַמען מיטן נאָמען פֿון דער פֿליסיקייט,
וואָס מע טרינקט. % א גלעזל טיי, א גלעזל מילך, א גלעזל משקה.

1882 " די באַשרענקונג פֿון |פֿאַר| יידן צו האַנדלען
מיט בראַנפֿן |...| באַציט זיך נאָר אויף דעם האַנדל
לאחדים (אויפֿן גלעזל)". ליפֿאַל, נ' 46. ג/73

" די קינדער האָבן אים אונטערגעטראָגן א גלעזל מילך".
שלום-עליכם, שע, 16, 101. 42

1948 " זכריה |...| פֿלעגט |...| שנעל אַנצאַפּן
א גלעזל בראַנפֿן, פֿון פעסל |...|". דער נסתר, 34,6.

4. קליין גלעזל צום טרינקען וויין, בראַנפֿן אע.
% א גלעזל פֿון קרישטאָל. די גלעזלעך פֿאַר די
ארבע כוסות פֿון פסח שטייען אין א באַזונדער שאַפֿע.

1885 " איינער האָט געהאַלטן א גרויסע ביקליע מיט
בראַנפֿן. דער צווייטער רײַסט בײַ אים אַרויס דאָס
גלעזל". נוסבאום, 1, 42_א

גלעז-7

1935 " דאָס שמאָלע גלעזל איז זײַן האַנט ציטערט, דער
ב/42 ווײַן פֿאַרגיסט זיך". באַשעוויס, 1, 106.

1946 " לאה האָט מיט אַ באַזונדערער חנעוודיקייט
ג/42 אויסגעשטעלט קליינע גלעזעלעך און פֿצינקע פֿלעשעלעך
מיט ₇אַפּטיקן עפּלווײַן". י.י. טרונק, 4,144.

5. יעדער איינע פֿון די לינדזן אין ברילן.
% אײַנגעפֿוקלטע גלעזלעך, אויסגעפֿוקלטע גלעזלעך.
ער איז געפֿאַלן און צעבראָכן אַ גלעזל פֿון זײַנע
ברילן.

... " איך זע ניט ... אַרויסגעפֿאַלן אַ גלעזל פֿון [? 1935-1937]
קאנק די שפּאַקולן". מ. קולבאַק, 10, 126.
(? 1928)

1968 "חייט טוט אויס די ברילן און באטראכט
אנטקעגן עלעקטרישן לעמפל די ליכטפונקטן, וואס ד/42
טאנצן ארום אין די געשליפענע גלעזלעך".
גראדע, 7, 225.

6. איבערשטער גלעזערנער טייל פון א נאפטלאמפ.
דאס גלאז פון לאמפ איז פאררייכערט.

1928 " אויפן טיש אין א מערזשל ברענט א לעמפל מיט
א געלאטעוועט גלעזל". אפאטאשו, 5, 130.

1971 " ארום גלעזל פון לאמפ שלאגן זיך מיט אימפעט
עטלעכע נאכט=באבעלעך". קיפניס, 4, 100. 73

7. פארשיידענע באפוצונגען, באמבעלעך אע צאצקעס פון
גלאז.

1878 " נאר אין דעם גרויסן בראנדזענעם הענגלייכטער
א סך קרישטאלענע געשליפענע גלעזלעך האבן שוין m/73

גלר - 9

אייניקע ליכט |...| אַנגעהויבן אויסצוגייען".

יימבר"ע |?| 1,1.

.. "אויף וואָס פֿאַר אַ שנירל צי איך אויף די שטיינדלעך, גלעזלעך און די פֿאַר פּערל". פּרץ, 2,15.

8. (פֿיג) די פּליסיקייט וואָס מען טרינקט פֿון גלעזל, ס'רוב וועגן וויין, בראָנפֿן אַע. אויסטרינקען אַ גלעזל. ער האָט ליב דאָס גלעזל.

1899 "פּונקט פּורים צו דער סעודה, רב-מענכין |?| זיצט ברייטלעך ביים טיש און פּלאַמט אַריין אַ גלעזל נאָך אַ גלעזל". שאַרקאַנסקי, 15,2. ד/73

1907 "איר מאַן, משה דעם איינבינדער, גיב איך צוויי גלעזלעך. ער איז אַ גוטער מענטש". שלום-עליכם, 101,8. 51

?| 1949 " טרינק איך אויס אַ גלעזל, און איך וועל|
שוין זען, אַז דו זאַלסט זיך אַרויסמאַכן פֿון זיי".
מוקדוני, 3 |?|, 220. 44

..................................................

רעד: נאָכזען צי ס׳איז פֿון ערשטן באַנד, אויב
ניט פֿאַרריכטן די דאַטע און נומער פֿון ווערק.

..................................................

0 **אײַלגלעזל** - (טעכט) גלעזערנע כּלי פֿאַר אײַל
צום אײַלן (שמירן) מאַשינען [ פֿינקעל, 4, 36:
**אײַלגלעזל** [R: маслёнка 6

**זייגער=גלעזל** - דעקל פֿון גלאָז איבערן ציפֿערבלאַט.

**דעקגלעזל** - (טעכט) |פֿרובירקע?|.

1926 " |...| טוט דאָס |דעם בלומענשטויב| אַרײַן

אין דעם טראָפּן צוקער=צעלאָז וואָס אויפֿן דעקגלעזל". 70

11 - גלז

יאַכינסאָן, 2, 178.

| רעד: אפשר מיינט ער פּשוט אויפֿן דעק פֿון גלעזל? |

לאָמפּן=גלעזל - -----> גלעזל ב' 6.

ליקער=גלעזל - גלעזל פֿון אַ ספּעציעלן פֿאָרמאַט, וואָס ס'איז אָנגענומען צו ניצן פֿאַר טרינקען ליקער.

מאָסגלעזל - אַ קליינע גלאָז (גלעזל) וואָס מע ניצט ווי אַ מאָס פֿאַר פֿליסיקייטן אָדער שיטעוודיקע זאַכן.

1973 " איך זע די אויבסט=יידענע פּייגע=צירל:

זומער מיטן קויש עפּל און ווינטער מיטן טאָפּ וואַרעמע 71

ביבער |באָבעס?| איך דעם מאָסגלעזל". יזב פּשיטיק, 18, 141.

קידוש=גלעזל - באַזונדער מין גלעזל פֿאַר וויַין צום מאַכן קידוש.

| |
|---|
| רעד: איך האָב נאָר געהערט קידוש=בעכער. |

שנאַפּסגלעזל - באַזונדער מין גלעזל צו טרינקען בראָנפֿן.

8.

פּפּ: גוט (ווייך) ווי נאָכן פֿינפֿטן גלעזל - ווען איינעם וואָס איז זייער נאָכגיביק, מילד.

א גלעזל ווארעמס - ווען יעדער הייסן געטראַנק: טיי, קאַווע אע.

א גלעזל חם |כאם| - דזוו דפֿוו, "איך לשון פֿון חסידים, וואָס פֿלעגן אויפֿשטיין צו תיקון=חצות" |קטוו, לאַדזש|.

רעד: אפשר מיינט עס דווקא אַ ביסל י"ש (ייִן שרף), ווײַל ס'מאַכט וואַרעם?

**אַ גלעזל טיי** – 1. אַ גלאָז מיט טיי ממש.

2. אַ געזעלשאַפטלעכע מסיבה בײַ וועלכער מען איז מכבד דעם עולם מיט טיי און לײַכטן צובײַסן.

1888 " |...| אים פֿאַרבעטן אין איינעם מיט גוטע ברידער צו זיך אין אָוונט אויף אַ גלעזל טיי |...|". 16/א

מענדעלע, 3, 191.

1952 " אין דער פֿאָלקס=בילדונג=ליגע איז פֿאַרגעקומען אַ חבֿריש גלעזל טיי". יזב ~~לובלין,~~ 12, 318. 16

<u>פון פלעשל אין גלעזל</u> – געזאָגט וועגן אַ גיכער טרונק, דזוו געזאָגט און געטאָן.

<u>זיין אונטערן גלעזל</u> – זיין שיכור.

1884 " |...| איז אין דעם הויז// געווען די שימחה גרויס,// עס וואָלט לאַנג געווערט, // נאָר אַלע זענען געוואָרן פֿאַרקערט,// ווער אונטערן פלעשל, ווער <u>אונטערן גלעזל</u>". <u>אַסטראָווסקי, 2, 8.</u> 19

1907 " עס קלעפּט זיך ניט אַ וואָרט צו אַ וואָרט, מחמת ער איז שוין אַ ביסל <u>אונטערן גלעזל</u>". קאנק <u>שלום-עליכם, 8 , 159.</u>

<u>ער קושט ס'גלעזל אין באָדעם</u> – וועגן אַ גרויסן שיכור, וואָס טרינקט אויס דעם בראָנפן ביזן לעצטן טראָפּן אויף דעם דנאָ (באָדעם) פון גלעזל.

<u>יצאה נשמתו בגלעזל</u> – דזוו דפוו.

פול: א גלעזל טיי און א גלעזל בראנפן לייגט זיך נישט אויפן מאגן – עס שאדט ניט.

אז שדי קען זיך ניט באגיין אן א גלעזל, ווי זאל זיך דער זינדיקער מענטש באגיין? – שפאסיקער תירוץ פון א שיכור (דא מיינט גלעזל פון ערשטן זאץ דאס גלעזל, וואס דעקט צו דאס ווארט 'שדי' אין א מזוזה; אין צווייטן, פארשטייט זיך, א גלעזל בראנפן).

שוו: אן איבעריק גלעזל וויין מאכט שמערץ און פיין.

ביים גלעזל געפינט מען א סך (גוטע) פריינד.

15|1

(?נ?) ם
ג ל ע ז ל יי ן - דאס. קליין גלעזל.

1728 " |...| טוא אניין אנדר האלב לויט ביטאניא זאפט
אונ׳ זאל אפט איין גלעזליין דא פֿון טרינקין".
סגולות ורפואות, דף כד - ז.

**ג ל ע ז ן** – טרון, פפ גלייזן. אריינשטעלן שויבן אין פענצטער/טירן, אריינפּאַסן גלאָז אין רעמען פון בילדער אע; אַנגלאָזן, אייַנגלאָזן. % דער גלעזער איז געקומען צו גלעזן די פענצטער. דער בנין איז שוין פאַרטיק, מען דאַרף נאָר גלעזן טיר=און=פענצטער.

---

רעד: ס'איז אַ פּראָבלעם מיטן אויסלייג פון וואָרט: בייַ אונדז איז ניטאָ בכלל דאָס וואָרט, ניט 'גלעזן', ניט 'גלייזן', ניט אַנגלייזן/אַנגלעזן; גרוב, ב II, האָט נאָר 'אייַנגלייזן'; סטוטש האָט 'גלייזן'. אָבער כ'האָב זיך נאָכגעפרעגט בייַ עלטערע ייִדן/ייִדענעס פון פוילן (סאָכאַטשעוו, ~~טאָמאַשאָוו~~ מונטק=מאַז) זאָגן זיי 'גלייַזן' (glajzn) ניט גלייזן (gleyzn), איז דעריבער בעסער צו שרייַבן 'גלעזן' און לייענען gleyzn/glajzn, ווי 'גלעזער' (צום טרינקען), 'גלעזער' דער בעל=מלאכה, ווי 'לעבן' א"אַ.

---

?נ? ג ל ע ז ע ו ו ע ן - ---→ **גלעזן**.

**רעד:** דאָ אַ קאַרטל בלויז מיט דעם וואָרט, אָן קיין שום דערקלערונג. איז דאָ אַנאַ פֿאָרמע ערגעץ?

[redacted] - גלע

ג ל ע ז ע ל ע - דאס, =ך, צווייטע ~~פארקלענער=פארמע~~ פקס

פון גלאז, דזוו גלאז/גלעזל אין אלע באטייטן.

1861 " זיי וועלן מיר הייסן געבן א גוט גלעזעלע

אַלעמביקאווע בראַנפן, נאָך פריער אַנידערגעלייגט ג/77

געלט". אקסענפעלד, 2 , 167.

1926 " גיסט אָן אין א גלעזעלע א ביסל |...|

קאַלכוואַסער |...|". יאכינסאן, 2 , 35. 28

19 - גלע

גלע - [redacted].

גלעזער I - מצ פֿון גלאַז, בב 2, ~~3~~, 4, 6, 7.

גלעזער II - דער, =ס/מצ דז. בעל=מלאכה וואָס
~~פֿאַרנעמט זיך מיט~~ אַרבעט מיט גלאָז, ספּעציעל מיט
אַרײַנשטעלן שויבן אין פֿענצטער, אײַנרעמען בילדער אַע.
% דער גלעזער פֿאַרקיטעוועט די שויבן. דער גלעזער
שנײַדט דאָס גלאָז מיט אַ דימענט.

1888 " איר טאַטע, בן=ציון צביהס - אַ גלעזער און
דערבײַ טאַקע שוין אויך אַ שטיקל אַרכיטעקטער |...|". 100
מענדעלע, 3, 49.

1907 " דאָס איז פּיניעס זיידע. ער איז אַ גלעזער,
און אַ שפּיגל=מאַכער, און אַ פֿאַרבער |...|". קאנק
שלום=עליכם, 8, 141.

1968 " ער איז געווען אַ גלעזער און אַ מאַליאַר, אין
שווערע צײַטן האָט ער געשיקט די קינדער אויסהאַקן 95
די שויבן אין בית=מדרש, כּדי ער זאָל באַקומען אַ שטיקל
אַרבעט". י. זלאָטקאָווסקי, יזב ~~אסטראצק~~, 2, 711.

21-גל

0 **גלעזערקיט** - דער, בא. קלעפּיקע מאַסע פֿון קאַלך און פּעטס צו פֿאַרקלעפּן די ראַנדן פֿון די שויבן צו די רעמען.

(1313)

17 **פֿוּל:** **ביסט ניט קיין גלעזער** (**וואָר:... און דײַן** טאַטע **איז ניט געווען קיין גלעזער**) — ווערט געזאָגט שפּאַסיק צו עמעצן, וואָס פֿאַרשטעלט מענעם צו זען עפּעס.

1920 " ווען איינער שטייט בײַם פֿענצטער און פֿאַרשטעלט די ליכט, זאָגט מען צו אים: איז דען דײַן טאַטע **א גלעזער**? דאָס הייסט, האָט ער דיך דען געמאַכט פֿון גלאָז דורכזיכטיק". עלזעט, 20. 2, 20. 97

**שור:** **אז מע זוכט א בעדנער, געפֿינט מען א גלעזער** - ניט תמיד געפֿינט דער מענטש דאָס, וואָס ער זוכט, אָפֿט מאָל פּונקט פֿאַרקערט.

ם

**גלאזר.**

1735 " אונ' דר **גלאזר** האט דיא פֿענשטר שון ווידר גימכט". איילין שפיגל, 7, 17. 98

22 - גלד

ג ל ע ז ע ר !!! - דער, מצ דז. אינסעקט |סטוטש| 247|.

..........................................................

רעד: בײַ סטוטש װערט ער דערמאָנט אין דער לעצטער
גרופּע " פֿאַרשײדענע"|?!|:... װאָסער=ליבעלע;
װאָסער=מײדל; גלעזער;...

..........................................................

1959 "מען האָט פֿעסטגעשטעלט, אַז אַ 'גלעזער'

קאָן באַװעגן מיט די פֿליגל 28 מאָל אין אַ מינוט |...| 88

א. יאַקובזאָן, פּאַר, IV/ 5.

פּאַר. 155,

ג ל ע ז ע ר ד י ק  –  אַדי/אַדוו. ווי פֿון גלאָז.

1927 " |...| טאַנצט דער טאַטע אויפֿן שטריק //

104 מיט אַ גלעזערדיקן בליק". מ. ל. האַלפּערן, 2 , 260.

1929 " פֿון יענעם צימער הערט זיך אַ בריאַזג פֿון עפּעס

103 גלעזערדיקס און דערנאָך אַ געשריי". ש. עפּשטיין, 1, 34.

ג ל ע ז ע ר ײַ - דאָס. בא. די אַרבעט אָדער די מלאכה
פֿון אַנגלאָזן שויבן אין פֿענצטער/טירן, אַרײַנפֿאַסן
גלאָז אין רעמען פֿון בילדער אע. % בײַ גלעזערײַ
ניצט מען אַ דימענט צו שנײַדן דאָס גלאָז. יידן אין
די שטעטלעך האָבן זיך אויך פֿאַרנומען מיט גלעזערײַ,
סטאָלערײַ און אַנדערע מלאכות.

1960 " דער זיידע האָט |...| געטאָן די גלעזערײַ,
אַ ביסל בלעכערײַ". סיימאָן, 2, 122. 106

1975 " ער |זלמן דער גלעזער| האָט מער נישט געדאַרפֿט
אָנקומען צו גלעזערײַ, ווײַל דער עלטסטער זון, קאַנק
אַ נגיד, האָט אים געשיקט אויף אויסהאַלטעניש".
באַשעוויס, 6, 138.

25 - גלר

ג ל ע ז ע ר ל – דאָס, =ער. (עלט?) אַ געגלאָזט שאַפּקעלע.

1856 " אַ שמאָלער גלעזערל |טעקסט: גלעזריל|. מיט געבעטביכער". דיק, 3, 10. 152

רעד: ניט זיכער ניט אין אַרויסרייד, ניט אין טײַטש פֿון וואָרט; אין טעקסט פֿון קאַרטל |אויך פֿון בוך| שטייט "גלעזריל".

26 - גלר

גלעזערן I - אדי/אדוו. וואָס איז פֿון גלאָז.

% אַ גלעזערן רערל. אַ גלעזערנע כלי. אַ גלעזערנער קרוג מיט וויין.

1888 " אונטער דעם בוים פֿלעגן מיר זיך צונויפֿקלייבן, שפּילן אין קנעפּלעך, דערציילן מעשׂיות פֿון אַ גלעזערנעם באַרג |...|". פֿרוג, זשי ייפּאל, ב' 3, 74. (פּאר 74) 116

1930 " מע טריקנט זיי |די גרויפּן| אויס, און מע שיט זיי אַריין אין אַ גלעזערנעם סלאָי |...|". שאַפּראַן, 1, 114. 115

1948 " דעמאָלט האָט מען פֿאַר די אָנגעקומענע אורחים דעם טיש געגרייט מיט אַ גרבן לייוונטענעם טישטעך, מיט אַ גלעזערן זעלצערל, מיט צינענע גאָפּל=לעפּל |...|". דער נסתר, 6, 443. קאנק

2. וואָס האָט טיילן פֿון גלאָז (וועגן מעבל, אײַנריכטונגען אַע).

% אַ גלעזערנער שראַנק. אַ גלעזערנע וועראַנדע.

דאָס צירונג ליגט אין אַ גלעזערן קעסטעלע.

... " גלעזערנע שענקלעך מיט ספֿרים און מיט זילבערנע

119 און גאָלדענע כּלים". פּרץ, 10, 103.

1922 " אַ בלייכע פּרויען=געשטאַלט שוועבט אַרויס, דער

114 בייגיקער קערפּער איז נאָך האַלב אין גלעזערנעם

גאַניקל". יעקב שטיינבערג, 2, 4.

1968 " די אויפּס=הענדלערקע איז צוריק אַרײַין אין

קאַנק וואַרטזאַל און דורך דער גלעזערנער טיר אַרויסגעקוקט

אין דרויסן |...|". גראַדע, 7, 413.

3. (פֿיג) ווי פֿון גלאָז (גלאַנציק, דורכזיכטיק, שאַרף אַע).

1926 " צי גלאַנצט עס? |דער מינעראַל|, וואָס פֿאַר אַ

148 גלאַנץ? אַ גלעזערנער צי אַ פּעטער?". יאַכינסאָן, 3, 34.

1935–1931 " די ערב=פּרילינגדיקע וואַסערלעך בולבען

קאַנק אין די רינעס מיט אַ גלעזערנעם קלונג".

מ. קולבאַק, 120,10.

1968 " האָבן זייַנע בולטע, כּלומרשט קינדיש פּאַרוווּנדערטע

קאַנק אויגן פּלוצעם אַ גלאַנץ געטאָן מיט אַ גלעזערנער

שאַרפקייט". גראַדע, 7, 91.

4. (פיג, ספעצ, וועגן אויגן) אויסגעשטאַרטשעט,

אויסגעגלאָצט, אָן אויסדרוק. אויסשטעלן, אויסלופען,

(אויס)גלאָצן גלעזערנע אויגן.

1864 " זי גלאָצט אויס אַ פּאָר גלעזערנע אויגן און

קאַנק קוקט נישט צו רעדן אַ וואָרט". מענדעלע, 12, 131.

1967 " וואָס זאָל טאָן דער מאַן מיט די גלעזערנע

127 אויגן אין פּוסטקייט פון ליידיקן הויז?".

פרידמאַן, 4, 87.

1926 . צין פניט וועדט פּאַרג אָון, גלעזערן [ע] די אויגן".

124 דאַרויט..., 2, 130.

אומגעלומפערט ווי א גלעזערנער בער - אויף אַן אומרירעוודיקן מענטשן, אַ גולם.

האבן גלעזערנע אויגן - קוקן און ניט זען גאָרניט, אזוי ווי דורך גלאָז.

ביסט ניט קיין גלעזערנער - געזאָגט צו עמעצן וואָס שטייט (זיצט) אַזוי אַז ער פאַרשטעלט יענעם צו זען.

זען דעם גלעזערנעם גאָט - זייַן שטאַרק שיכור.

שטעלן אַ גלעזערנע מצבֿה - פאַר גוטע מעשׂים, געזאָגט ס'רובֿ איראָניש. % דאַרפסט נישט אַזוי זיך מקריב זייַן, מע וועט דיר קיין גלעזערנע מצבֿה נישט שטעלן.

חתן=כלה האבן גלעזערנע אויגן - זיי זעען נישט די חסרונות פֿון דעם צווייטן.

טאטע=מאמע האבן גלעזערע אויגן - זיי זעען ניט די חסרונות פֿון זייערע קינדער.

שור: ווער עס וווינט אין א גלעזערן הויז, טאר אויף קיינעם קיין שטיינער ניט ווארפֿן.

גלע - 31.

ג ל ע ז ע ר ן !! - (שנש) 1. טרוו. מאכן ס'זאל

אויסזען ווי גלאז.

1941 " דער פראסט גלעזערט דעם שליאך". ש. שטערן, 1, 27.

2. אוטוו. אויסזען ווי גלאז.

1932 " הארבסט... א שלאקסרעגן, און אלץ ארום האט

געגלעזערט און געפלאצט אונטער דער אייזיקער 127/2

פייכער מאסע". יאפע, 2, 128.

32 - גלע

ג ל ע ז ע ר ש – אדי. פֿון אַ גלעזער !!, % גלעזערשער קיט |סטוטש| 113.

33 - גלט

ג ל ע ט I - דער, בא. אַקט פֿון גלעטן, ס'רוב געמיינט איינמאָליקער. % אַ ווייכער גלעט. אַ וואַרעמער גלעט. זי האָט דערפֿילט אַ צאַרטן גלעט איבער דער האַנט.

1873 " עס קומט אײַך נאָך אַ גלעט אין בעקעלע". מענדעלע, קאַנק 285530. קאַנק

1934 " מײַן טאַטע איז געשטאָרבן... נישטאָ מער די צערטלעכקייט פֿון אַ פֿאָטער... ס'איז געווען זײַן גלעט און נישט ווייניקער זיס זײַן בייזער". גליקמאַן, 1, 3. 154

1964 " דעם טאַטנס ברייט צעעפֿנטע האַנטדלאָניעס, ווי זיי גייען מיט אַ גלעט איבער דעם יינגלס שמאָלע פּלייצעס". י. קאַפּלאַן, 1, 307 |367|. 157

// קיין גלעט אין/איבערן בעקעלע וועסטו ניט קריגן (וואָר: וועט מען דיר ניט געבן) דערפֿאַר - געזאָגט ווי אַ וואָרענונג צו עמעצן וואָס טוט אַ שלעכטע/ אומפּאַסיקע זאַך.

א פאטש און א גלעט - א) "באשטראפן און פארזיכן די
שטראף". ב) "וועגן א מענטשן מיט א גוט=געשטעלטן
כאראקטער, וואס גייט אריבער שארף פון גוט צו שלעכט
און פארקערט" | ב. ראזען, זשע... יישפ VI, 3 - 16. פייר 90

געבן א גלעט איבערן קראגן - (ווילעריש) וועגן דערלאנגען
עמעצן א גוטן קלאפ.

שור: איינער קריגט פאר א קניפ א גלעט, און א צווייטער
פאר א גלעט א פאטש.

א גלעט און א קוש - דאליע ניע רוש | פויליש: מער
(ווייטער) ריר ניט אן | - זאגט א צנייעותדיק מיידל
צו א בחור.

2

/1 35 גלט

ם | גלעט | ג י ל ט [?] - פעטער גלאַנץ.

1544 " איש הון זיא גיוואורפן איר איל אונ'

איר גילט. אוי וויא קויניג שאול דיין שילט הוט 736-734

קיין זיט". שמואל=בוך. סטראָפע 864.

רעקי: אפשר ~~etc~~ דאַרף זײַן „גלוטי"?

21

גלע - [redacted].

ג ל ע ט א ײַ ז ן - דער, =ס. 1. איינער פֿון די מכשירים צום שאַרפֿן מעסערס, שערלעך אע|סטוטש 161|.

2. איינער פֿון די מכשירים, געניצט דורך אײַנבינדערס |סטוטש 380|.

3. איינער פֿון די מכשירים, געניצט דורך שוסטערס.

---

רעד: אפֿשר זײַנען אין ייִוואָ דאָ די טערמינאָלאָגיעס פֿון די פֿאַכן, וואָלט מען געקאָנט גענוי באַשרײַבן די מכשירים. אגב, אין קאַרטל איז אָנגעגעבן: טערמ1.

---

ג ל ע ט=ב ר ע ט ע ל ע   –   דאָס, =ך. מאַשיר, גענויער בנב.

רעד: אין קאַרטל איז נאָך דאָ אַ שורה: בתים=מאַכער,
און אויף דער דריטער – טערם 19.

ג ל ע ט ה ו ב ל – דער, =ען/עס, פּפּ הובעל |ווײלער ל|, מצ הובליעס. מאָשיר פֿון סטאָליאַרעס, דינט צום ענדגילטיקן גלאַט מאַכן די אָפּגעהובליעוועטע ברעטער.

?נ? ם ג ל ע ט י - די. די גלאַט, די גלאַטקייט.

... " כחלקלקות - גליטי". רייכלין 8, ירמיהו כג- יב.

40 – גלד

גלע – [redacted].

?נ?    ג ל ע ט י ק ן – טרוו. (שנש). 1. גלעטן.

1937 " ווי אַ ווינטערטויב // גלעטיקט מיך דײַן

האַנט". נאדיר, 11, 33. 175

2. גלאַט מאַכן.

1966 " גראָד זיי דעם שווערן עול אויף זיך האָבן

גענומען: // אויף אויסקריצן די צײַט – דעם 177

שאַרפֿן שטיין צו גלעטיקן". האלקין, 4, 17.

40/1

גל -

ג ל ע ט ל י נ ג - <u>דער, =ען.</u> (<u>נש, אוי"ו</u>) ליבלינג,
פאוואָר~~ט~~יט (<u>וועגן בעלי=חיים</u>).

41 - גלר

?נ? ג ל ע ט ל ע ן - טרוו. (שנש) גלעטן.

1974 " וועלכער כישוף // וועט אויפהאַלטן אין דיר

178 דאָס לאַכן דייַנס,// וואָס גלעקלט און וואָס גלעטלט

ביז דעליר". טוזמאַן, 94,1.

180 1935 " ער גלעטלט=בעקלט=בייכלט זיך". מ. דייַטש, 69,3.

42 - גלד

ג ל ע ט מ אַ ש י ן - די, =ען/=עס. (גאַרבעריי)

מאַשין צום אָפּגלעטן די פֿעל.

1922 " די האַלב טרוקענע פֿעל וואַרפֿט מען אין שמירפֿאַס, 182
אַבֿין גיסט מען פֿעטס און מ׳לאָזט די פֿעל זיך דרייען
אַ ½ שעה, די באַשמירטע פֿעל גלעט מען אויף דער מאַשין
(זע בילד 16, גלעטמאַשין)". וואולאך 1, 37.

43 - גלר

גלעטן – טרוו. פֿאַר געגלעט; פּפּ (זך) גלעטיקן.

1. באַוועגן מיט דער האַנט ליַיכט, מילד איבער עמעצנס אַ קערפּערטייל ווי אַן אויסדרוק פֿון צערטלעכקייט, ליבשאַפֿט. % גלעטן דעם שטערן, גלעטן די האַנט. די מאַמע גלעט און קושט די בעקעלעך פֿון קינד. דאָס ייִנגל גלעט דאָס קעצעלע זיַינס.

1864 " געבאַלעוועט האָט מען מיך כלל נישט, מען

האָט מיך נישט געקושט, נישט געגלעט". מענדעלע, 202

12, 11.

1910 " און האָבן זאָל זי אויך אַן אַלטינקע מאַמע, //

מיט אויגן וואָס וויינען און קושן צוזאַמען,// 206

מיט ביינקע הענט וועלכע האַלטן און גלעטן".

איינהאָרן, 1, 57.

1928 " סטעלאַ האָט אים געלעט איבער דער האַנט,

איבערן פּנים, איבער די האָר". אָפּאַטאָשו, 6, 157. 214

1968 " האָט זי דעם אײַנגעליבטן בחור צוגעדריקט צו

זיך, ווי אַן עלטערע שוועסטער אים געגלעט און קאנק

באַרויִקט". גראַדע, 7, 371.

2. באַוועגן מיט דער האַנט לײַכט, קוים באַרירנדיק,

איבער אַ זאַך. % גלעטן די באָרד. ער געלט די

ײַדענע קאַפּאָטע.

45-גלי

1864 " מײַן ייִד האָט געשוויגן און נאָר געגלעט

די וואַנסעס". מענדעלע, 12, 83. קאַנק

1907 " מײַן ברודער אליהו באַטראַכט מיך, גלעט זיך

דאָס בערדל און קוקט אויף מײַנע פּיס". ש"ע. 1, 67. קאַנק

(שלום-עליכם)

1966 " |...| האט זיך צוגעזעצט /_ און צווישן פּינגער

לאַנג דעם זאַמד געזופּט |...|// ער האָט געכוואַליעט ג/210

אים, געבערגלט און געגלעט". האַלקין, 4, 268.

3. באַרירן (ס'רוב וועגן ווינט, וואַסער אַע) מילד,

ווייך, ווי מע וואָלט געגלעט.

1888 " אַ פּריש מאַרגנווינטל האָט אַ בלאָז געטאָן רפאלן

גלײַך אין פּנים אַרײַן, אים געגלעט |...| און 223

אָפּגעפּרישט". מענדעלע, 3, 226 [220 ?].

... " איך האָב ליב צו ליגן אויפֿן זאַמד בײַם ברעג

פֿון ים און אַרויסשטרעקן די נאַקעטע פֿיס, |...| ער 220

זאָל זיי מיר וואַשן און <u>גלעטן</u>". <u>פּרץ, 7, 482</u>.

1928 " איר אָטעם, וואָס <u>האָט</u> מרדכין <u>געגלעט</u> איבערן

אויער, אויפֿגעוועקט יעדן נערוו |...|". 226

<u>אַפּאַטאָשו, 10, 237</u>.

4. גלאַט מאַכן, אָפּגלעטן, פּאָלירן.

1891 " <u>גלעטן</u> הייסט מיט אַ וואַלצע עטוואָס צוגלעטן,

צופּרעסן דאָס פֿעלד נאָך דעם ווי מען האָט פֿאַרבאַראַנעוועט 190

די זריעה". <u>וועבער, 1, 26</u>.

5. (<u>פֿיג</u>) גורם זײַן באַפֿרידיקונג, אַ גוט געמיט, צערטלען,

באַרויִקן.

1923 " ~~דאָך~~ [...] לאַשטשענדיק |=צערטלענדיק| לויכט זי

די שטים און זי רעדט,// זי <u>גלעט</u> מיט די רייד אַזוי 218

ליכטיק און בעט |...|". <u>ליעסין, 1, 33</u>.

47-ט

1948 " |...| האָט זי מיט אויגן בלישטשענדע אַ גלעט געטאָן אים". מאַרקיש, 9, 25. 215

1973 " די סינאַגאָגע |...| האָט געגלעט דאָס אויג מיט אירע רונדיקע, באַלעמדיקע קופּאָלן". ראָזענפֿאַרב, 3, 245. 200

6. ~~חנפֿענען~~, חנפֿענען זיך צו עמעצן |סטוטש 585|.

|| גלעטונג - די/דאָס. בא. אַקט אָדער רעזולטאַט פֿון גלעטן.

1966 " |...| אים |דעם שמעטערלינג| צו ברענגען אַ רעטונג// פֿון קינדערשע הענט, וואָס פֿון צערטלעך, 170 פֿון גלעטונג // זיי קאָנען אַריבער |...| צו אויספּרוּוון אים אונטער לאַסט פֿון אַ שטייגן". האַלקין, 4, 139.

גלעטעניש - דאָס, =ן. דאָס גלעטן אַ סך, אָפּט.

1973 " די נשמה אַליין גאַרט נאָך ליבענישן, גלעטעניש ן".

באַשעווּיס, פֿאַר XI/ 29. 239/א

(פּוּר 155,)

גלעטעריי - דאָס, =ען. 1. דאָס פֿאַרנעמען זיך מיט גלעטן.

2. (פּיג) חניפֿה.

1963 " פֿאַראַן אַ מאַרק פֿאַר בהמות, פֿאַר מאַנטלען און פֿעל - און דאָס איז אַ מאַרק פֿאַר קעגנזײַטיקע גלעטערײַען". 239 /ג

(פּוּר 9,)

א. שטײנמאַן, דשׂיאיק, III/29.

גלעטן ווי אַ געשוויר - חנפֿענען, אונטערלעקן זיך.

גלעטן מיט די האָר אַראָפּ - דזוו דפֿוו. סטוטש 585.

<u>גלעטן עמעצן אונטערן ווייַדל</u> – זיך אונטערחנפֿענען אויף אַ מיאוסן אופֿן.

<u>גלעטן זיך דאָס בײַכל</u> – (<u>איר</u>) פֿון פֿאַרויס זײַן זייער צופֿרידן פֿון אַ גוטן עסק, פֿאַרדינסט, אויפֿטו.

1889 "די בעל=הלוואהניקעס האָבן זיך <u>געגלעט די בײַכלעך</u>, זיי וועלן אַצינד אַ גוט ביינדל אָפּלעקן". 229/א

<u>עליכם שלום, 1, 38.</u>

1895 "דעריבער מיינען אָט די לײַט |די מתנגדים|, אַז זיי האָבן שוין אָנגעטון גאָט אַ מענטליך מיט זייער תורה=ותפֿילה |...| און <u>גלעטן זיך די בײַכלעך</u>. 237/ג

לינעצקי, 9, 134.

<u>עס גלעט דאָס אויג</u> – ס'איז זייער אײַנגענעם צו זען.

<u>עס גלעט דאָס אויער</u> – ס'איז זייער אײַנגענעם צו הערן.

עס גלעט דאָס האַרץ - עס ברענגט פֿאַרגעניגן, פֿרייד, טרייסט.

מע וועט אים (איר, אײַך, זיי) ניט גלעטן איבערן קעפּל - וועגן עמעצן, וואָס טוט א שלעכטע/אומפּאַסיקע זאַך, אַז קיין דאַנק אָדער לויב וועט ער ניט קריגן, פֿאַרקערט, ער וועט נאָך קריגן זײַן שטראָף.

עס קומט אים (איר, אײַך, זיי) א גלעט איין בעקל - (איר) עס קומט אים אַ דאַנק, אַ באַלוינונג (ס'רוב איראַניש).

1873 "עס קומט אײַך נאָר א גלעט איין בעקעלע, וואָרעם דאָס טוט איר אַלצדינג מחמת גוטסקייט". מענדעלע, 1, קאַנ 285550.

203

ם---← 4.

... "יחליקון - גליטן". רייכלין 8, תהילים ה-- י׳.

1716 " |...| דען גאלד שמיד דער זיא איבר דינט מיט גאלד, אונ׳ דער זיא גלעט מיט דען האמר". ס׳ המגיד 3, לד - ד.

---← 6.

... " החליק - ער גליטט". רייכלין 8, תהילים לו - ג.

7. פדעסן (נאכן וואשן).

1722 " איך (בבל) האט מען זיא |די ווייבער| משמח געוועזן מיט שיני גיפארבטי קליידר און אין ארץ ישראל מיט פיינגן דש גיגלעט איז". דף קלג - א.

219/א

גלע - 52. 51/1

|| **גלעטר** - דער וואס מאַכט גלאַט.

... " דען בוך אז איין שטיין אין האנט פון דעם

**גלעטר** |...|". מחזור 4, 60 - ד!.

52 - גלר

30

גלע - [redacted].

ג ל ע ט נ אַ מ ע ן - דער, = ~ נעמען. דזוו

צערטל=נאמען, פֿאַרצויגענער נאמען. % בערטשיק

איז אַ גלעטנאמען פֿון בער, בערל.

5211 גל -

ג ל ע ט ע ר - דער, =ס. |בערעזניאק|. דזוו גלעטשטיין.

ג ל ע ט ע ר ל - <u>דאָס, =ער.</u> (<u>גאַרבערײַ</u>) מכשיר,

" אַ גלאַט שטיקל האָלץ אויף צו גלעטן די פֿעל, געמאַכט

פֿון ראַבינע=האָלץ" |<u>קטוור</u>|.

ג ל ע ט פ א פ י ר – דאס, בא. דזוו גלאזפאפיר.

ג ל ע ט=ש ט אַ מ יַי ז ע - די, =ס. (טערמאַנ) מאַשיר,

מין דאָלאַטע גענניער בנב.

**רעד:** אין קאַרטל איז נאָך אָנגעגעבן פֿון אונטן:

טערמ 21. וואָסער טערמינאָלאָגיע איז עס?

ג ל ע ט ש ט ש ט י י ן  -  דער. =ער.  1. אַ שטיין גלאַט

צו מאַכן דאָס אָנגעשאַרפטע מעסער| ש. ווינטער, צו דער

צ טערמינאָלאָגיע פון מלאכות, פילאָלאָגישע שריפטן II. כּלוּ 162,

ווילנע 1930, ז' 418|.

2. שטיין צו שאַרפן בכלל.

1932 " אַרבעטער גלעטן אָן אײַזנס אויף גלעטשטיינער

קלעפיקע שאַרפן". ש. ריווקין, זש' שטערן, נ' 10-11, ז' 90. 242

פּלוּ 188,

3. שטיין צו פרעסן לײַוונט. ם

1723 " מן מג אך |חול=המועד| דש ליינוונט גלעטן

מיט איינם גלעטשטיין". ס' המנהגים, כד/א. 241

57 - גלד

גלע - [redacted].

ג ל ע ט ש י ק - דער, =עס, פֿפֿ הלעטשיק. קליין

קריגל פֿון ליים. Ик: глечик; В: глечок

% ער האָט אויסגעטרונקען אַ פֿולן גלעטשיק מילך.

די גלעטשיקעס טריקענען זיך אויף די שטאַכעטן פֿון

פֿאַרקאַן.

ג ל ע ט ש ע ר - דער, =ס. אַן אײַזמאַסע, וואָס שטראָמט אַראָפּ פֿון הויכע בערג, אָדער אַן אַנזאַמל פֿון אײַז אין דער פֿאָרעם פֿון אַ באַדעק אויף די קאָנטינענטן און אינדזלען פֿון די פּאָלאַרע געאָגראַפֿישע ברייטן; די אײַזמאַסע באַוועגט זיך אַראָפּ פּאַמעלעך אונטער דער ווירקונג פֿון דער שווערקראַפֿט.

... "אַ גרינער טאָל, אַ רומגעשלאָסן מיט הויכע בערג - פֿון איין זײַט דער ווײַסער גלעטשער, פֿון וועלכן דאָס לוסטיקע טײַכל רינט". פּרץ, 15, 201. 249

1920 "דער וועג |...| איז זייער אַ שווערער, אויף שפּיציקע שטיינער און איבער אָפּגרונטן, און דערנאָך די קעלט בײַם שפּיץ, דער אייביקער גלעטשער, דער שניי און דאָס אײַז". פּינסקי, 4, 309. 251

0 אײַזגלעטשער - דזוו גלעטשער.

59 - גלעטשער=פּעריאָד - דער, בא. דער פּרעהיסטאָרישער
פּעריאָד, ווען דער גאַנצער צפונדיקער טייל פון דער
ערד איז געווען באַדעקט מיט אײַז.

1925 " די שטודירונג פון |...| גלעטשער=פּעריאָד
|...| האָט פעסטגעשטעלט דאָס פירמאַליקע אָנקומען 245
פון אײַזגלעטשערס, וועלכע זײַנען יעדעס מאָל
פאַרביטן געוואָרן דורך עפּאָכן מיט אַ וואַרעמערן קלימאַט".
איבז גאָלדבערג, 97.

60 – גלד

גלע – [redacted].

גלעכאַמע – די, =ס. (באַט) געוויקס פֿון דער
משפּחה ליפּנבלומיקע (ווסנ *Glechoma* )

| איבז א. גאַלאַמב, ג. באַטש, געוויקסן II, ווארשע,
1922, ז' 157|. פֿיליאַריקע גראַזן מיט קריכיקע
שטענגלעך און קעגנשטעליקע בלעטער, די בלימלעך
פֿיאַלעטע; געדינט אַ מאָל ווי אַ היילקרײַטעכץ.

254

ג ל ע מ ד ז ע ן – אוטוו, פּפּ גלעמזען. (רעג. קורלאַנד)

"גאָפּן, קוקן מיט ווײַט אויפּגעעפֿנטע אויגן".

ז. קאַלמאַנאָוויטש, דער יידישער דיאַלעקט פֿון קורלאַנד, פּש I, ווילנע 1926, ז' 173.

(פּרק 161,)

ג ל ע מ ז ע ן – ------→ גלעמזען.

63 – גלע

גלענעשפּיז – די, =ן. מין שפּיז.

---

רעד: איך קארטל שטייט:

"לקח טוב טײַטשט אזוי: וכידון (און גלענן שפּי)

איוב לט, 23".

אבער יהואש טײַטשט:

" ... להב חנית וכידון – דער פלאַמיקער שפּיז און

ביזפּיקער". דאַרף מען אפּשר לייענען 'גלענשפּיז'?

64 - גלד

ג ל ע נ צ י ק   –   אַדי/אדוו. (עלט? פּטמ?) שײַנענדיק,

לויכטנדיק.

1895   "|...| דען זיי |געבילדעטע מענטשן| קענען

גלענציק זײַן פֿאַר דאָס גאַנצע פֿאָלק, זיי קענען   262

באַשײַנען אונדזער פֿאָלק". (אנ) אמעריקאנישע

גליקן. 22.

גלע – [redacted].

גלענצל – דאָס, =ער, פּקפּ פֿון גלאַנץ. קליינער שוואַכער גלאַנץ, אויך קורץ דויערנדיקער גלאַנץ.

... " איטלעכס מאָל, וואָס ער האָט זיך פֿאַרטראַכט, האָבן זײַנע היפּשע שוואַרצע אויגן גענומען קוקן פֿאַר זיך מיט אַ שפּאָגל נײַעם סאַמעטענעם גלענצל. 263/264
דאָס איז געווען אַ גלענצל פֿון לאַנג אָפּגעהיטענער בחורשאַפֿט |...|". בערגעלסאָן (~~צײַט זב אַ שפּיגל אונגף~~ פֿער 190,
~~אַ שטיין, ז'~~ 24.

66 גל -

ג ל ע נ צ ל ע ן - אוטוו. גלאנצן שוואך |צאנין וווב|.

ג ל ע נ צ ל ע ן ז י ך - אוטוו. (שנש?) גלאַנצן שוואַך.

... "אַ בלאָטקעלע גלענצלט זיך דאָרטן פֿאַר די הײַזער,
וואָס שטייען מיטן פּנים צו די רעלסן". 265
(פּרל 32, 190).
ברגעלסאן ~~(ציט צו א שפיגל אויף א שטיין, ז' 32~~

?נ?   גלעֹנצמעריש – אַדי/אַדוו. (שנש) בנב.

1935 " |...| נישט אַזוי גלענצמעריש". נאדיר, -130,8. 266

רעד: מע דאַרף זען דעם גאַנצן טעקסט, וואָלט מען זיך אָנגעשטויסן, וואָס דאָס מיינט.

68 - גלז

ג ל ע נ צ ן - אוטוו. (דטשמ) גלאַנצן.

1907 " אַ בן, וואָס האָט מיר |ד|ערשטראָקן, ווייַל

איך האָב געזען, אַז ער וועט ניט לאַנג גלענצן" 272

באַוושאַווער, 2, 11.

1910 " עס שיינט די לבֿנה, עס גלענצן די שטערן,

// די נאַכט שוועבט איף בערג און איף טאָל". 271

פֿרוג, 1, 41.

ם גלינצן. מה"ד: glenzen

... " חדודי חרש - דא גלינצט דזונא".

רייכלין, 8, איוב, מא - כב. 268

ג ל ע נ צ נ ד י ק – אַדי/אַדוו. פּפּ (דטשמ) גלענצנד.

1. שײַנענדיק, לויכטנדיק, גלאַנצנדיק.

1888 " אַלע בלי הבדל האָבן פֿאַרויסגעזען אַ ין אונדזער

275 אָרשאַנסיקן אַ גלענצנדן שטערן". (כלל 74) ~~יפאל~~, נ' 9, 259.

|1914 ?| " אַז אויפֿגעייענדער, גלענצנדער, לויכטנדער

281 /ב שטערן אויף יידישער בינע". שלום=עליכם, 9ב, 226.

2. (פֿיג) אויסערגעוויינלעך גערא‌ָטן (שיין, גוט),

פֿרעכטיק, הערלעך, גרויסאַרטיק.

1910 " האָט רוישנד זיך אַ שאָט געטאָן אַ גאַנצע

290 מחנה גלענצנדע זכרונות". פרוג, 2, 161.

1916–1913 " דאָס וואָראַנקער בחורל האָט דעם עקזאַמען

285 אויסגעהאַלטן גאָר=גאָר גלענצנדיק". שלום=עליכעם,

3 ג, 151.

1959 " א בעל=גאווה |...| קאָן זײַן אַ גלענצנדיקער

284 שרײַבער אָדער אַ געלערנטער, אָבער ניט קיין גוטער

רעצענזענט". גיגער, 9, 275.

69|1 גל -

ג ל ע ס - |דער? מצ?| (מערב=יידיש, פראנקן)
גרויס קניידל |פער 90, ~~xxx~~, 31|.

|| גלעסלע - |די? מצ?| דזוו דפוו |דצוו|.

O גלעסלעזופ - די, =ן. יויך=מיט קניידלעך |דצוו|.

מצה=גלעס - קניידל פון געווייקטע מצה |דצוו|.

קארטאפל=גלעס - קניידל פון געריבענע קארטאפל |דצוו|.

?נ? ג ל ע ס ע ו ר ע ן - |אוטוור?| בנב.

רעד: חוץ דעם וואָרט איז אויפֿן קאַרטל מער ניטאָ גאָרניט. ביי סטוטש - ניטאָ.

71 - גלר

50

גלע - [redacted].

ג ל ע ק - די, מצ (שנש?) פֿון גלאָק.

1944 " קלינגען הונדערט גלעק". נאַדיר, 12, 175.

רעד: ניט געהערט אַזאַ פֿאָרמע, מסתּמא איז עס איינע
פֿון נאַדירס אויסטראַכטעניש...

72 - גלע

גלעקל I - דאָס, =ער, ערשטע פּקפּ פֿון גלאָק.

1. קליינער גלאָק.

1888 " רפֿאל איז ארויסגעפֿאָרן פֿון גלופּסק אין

קאנק עליע=ליי זערס בויד מיט דריי פֿערד - זיי, קלינגענדיק

מיט קליינע גלעקלעך אויף די העלדזער |...|".

מענדעלע, 3, 396.

1921 " אַליין, ביי דער זייט נאָר אַ ציגעלע שטייט

318 זיך, אַ קלאָר=ווייס, אַ קלאָר=ווייס, אויף העלדזל

אַ גלעקל". מארקיש, 2, 21.

1975 " דאָס ווייב זיינס |...| האָט צונויפֿגענומען

קאנק נדבֿות אין פֿייקל מיט גלעקער". באשעוויס, 273,6.

2. עלעקטריש גלעקל (ס'רובֿ אין מצ) מוזיק=אינסטרומענט. → 3

4. (לאָקל, יעליסאַוועטגראַדער קרייז) " אַ יידענע אַ

315 פֿלוידערזאַק". |פּש-I, 82|.

פּשר 161

0 שטאַטגלעקל - (פּיג)"אַ מסור/מסורניצע" |קטור, גאַליציע|. 314

73 - גר

פּפּ: קלינגען (הילכן) ווי אַ גלעקל.

1905 " דעם התנס קול קלינגט ווי אַ גלעקל און שיט

מיט תורה". אש, 1ב, 90. 306

1926 " אַזוי ווי אַ גלעקל, וואָס הילכט אויף די לאַנקעס".

סעגאַלאָוויטש, 8, 14. 318/ב

גלעקל II - דאָס, =ער. (באַט) 1. געוויקס (ווסנ) (Campanula), מיט בלומען אין דער פאָרעם פון אַ בעכער, פון פאַרשיידענע קאָלירן.

% אויף דער לאַנקע וואַקסן פיאָלעטע גלעקלעך.

2. די בלום פון דעם געוויקס.

0 וואַלדגלעקל - דזוו דפוו, וואַקסט אין וועלדער.

1921 " |...| און וואַלדגלעקלעך בלאָען זיך אונטן אין טאָל". סעגאַלאָוויטש, 7, 16 |?|.

300

75 — גלד

ג ל ע ק ל ד י ק  –  אדי/אדוו. ווי אַ גלעקל, וואָס קלינגט ווי אַ גלעקל, קלינגעוודיק.

1948 " עס האָבן שוואַלבן זיך געשאָטן אויף און אָפּ, אַן אויפהער, מיט אַזאַ גליקלעך גלעקלדיק צעפּאַכעטן צווי=צווייי". מאַרקיש, 9, 43. 319

1956 " דער טאָן איז דאָ לאַנגזאַם, |...| שטיל, ניט גלעקלדיק". מינקאָוו, 1, 124. 322

ג ל ע ק ל ע ן - אוטוו. 1. קלינגען מיט אַ גלעקל.

1921 " אַ ציגעלע שטייט זיך, // אַ קלאָר=ווייס, א
קלאָר=ווייס, אויף העלדזל אַ גלעקל, // און שפּילט זיך, 318/א
און בריקעט און רוט ניט; און גלעקלט". מארקיש, 21,2.

1945 " און אַ יאָג געטאָן |...| דאָס פּערדל // און דער
שליטן גלעקלט". באריישא, 3, 35. 328

2. (פּיג) הילכן, קלינגען ווי אַ גלעקל.

1947 " גלעקלען שפּילעוודיקע קינדער". באריישא, 4, 24. 330

1974 " וועלכער כישוף // וועט אויפהאַלטן אין דיר
דאָס לאַכן דיינס, // וואָס גלעקלט און וואָס גלעטלט 326
ביז דעליר". טוזמאַן, 1, 94.

77 - גלד

ג ל ע ק נ ר I – דער. גלאָקן=קלינגער, ממונה אויף די גלעקער אין אַ קלויסטער.

1701 " דיא ווייל גינג דיא על|ט|שטי טאכטר צום גלעקנר אונ' שפראך צו אים זיך דאז דוא צווייא מאל גשווינד נאך אנדר דיא גלאק לאָזט שלאגן".

מעשה=בוך, 2, מעשה ר"ח.

78 - גלר

ם גלעקנר !! - בנב.

1737 " לעקר משפחת הגר - צום גלעקנר".

מלמד שיח, ויקרא, כה - 47. 336

רעד: יהואש טייטשט: לעקר משפחת הגר = צו אן

אפשטאם פון א פרעמדנס משפחה)

79 - גלר

גלע - [redacted].

גלעקעלע I - דאָס, =ך. 1. צווייטע פֿקפֿ

פֿון גלאָק.

1936 " די ציַיטיקע האַרטע האָבער=שטענגלעך האָבן זיך

ביַים/ינדסטן בלאָז פֿון ווינט צעקלונגען, ווי 311

זילבערנע גלעקעלעך". קאַרן, 2, ד, 576.

1957 " פֿון מאַזירער שליאַך איז אין דאָרף אַריַינגעפֿאָרן

|...| מיט אַ קלינגען פֿון גלעקעלעך אַ רויטע פּריצישע

בריטשקע". ברוסילאָוו, 2, 42.

ג ל ע ק ע ל ע !! - דאס, =ך. פקפ פון גלעקל !!,
(די בלום).

1972 " און ווען עס וואלט אין פעלד // איין גלעקעלע
געוואקסן,// איינאיינציק בלימל". בוימוואל,2,159. 338

1965 " די בונט באפארבטע לאנקע איז באשפרענקלט
געווען מיט לענגלעכע בלוילינגלעך, |...| מיט 339/א
ראזלינג=גלעקעלעך, און מיט |...| אנדערע פעלדקוויטן".
נאטע לוריע, 5, 56.

81- גל

ג ל ע ק ע ר - די, מצ פון גלאק, אלע בב.

1910 " אין דיינע |דעם אינקוויזיטארס| צייטן פלעגן 342
דערבייַ די גלעקער אין די קלויסטערס קלינגען".
פרוג, 2, 272.

1948 " |...| קעסעלך זיי קלינגען, ווי דערשטיקטע
גלעקער". מארקיש, 9, 14. ב/344

0 גלעקער=געקלאנג - דאס, בא. דאס קלינגען פון
גלעקער.

1943 " איז דעמאלט א בויד צוגעפארן |...|.
לעצטער גלעקער=געקלאנג איז ביים אפשטעלן זיך קאנק
|...| אנטשוויגן געווארן". דער נסתר, 5, 85.

גלעקערקלאנג - דער =ען. דזוו דפוו.

1922 " אין א פשוטן פארנאכט פארשפרייט זיך אט דאס
נייס און בלאנדזשעט ארום איבער דער שטאט צוזאמען 345
מיטן מידן גלעקערקלאנג פון |...| בעל=עגלהשע
פאעטאנעס". בערגעלסאן, 3, 22.

ג ל ע ק ע ר ד י ק - אַדי/אַדוו. (שנש) 1. (ווי)

פון גלעקער. % <u>גלעקערדיקע</u> קלאַנגען.

2. וואָס האָבן/טראָגן ~~גלאָקן.~~ גלעקער.

1959 " צום וואַסער גייען <u>גלעקערדיקע</u> שאָף".

א. אויערבאַך, 6, ז' [?]. 346

רעד: געפינען די זײַט!

83 - גלר

ג ל ע ק ע ר י ש - אדי/אדוו. (שנש) פון (ווי פון) גלעקער.

1921 " אויפגערופענע אויף וואנדער, // קלויסטערס - גלעקערישע פליגל, // ווארט ניט, פיקעט!".

מארקיש, 2, 26.

347

84 - גלר

גלע - [redacted].

גלעקערן - אוטוו. (שנש) אַרויסברענגען די קלאַנגען פון/דורך צעוויגטע גלעקער.

... " איך קרוינשטאָט גלעקער אלע גלעקערן".

מאַרקיש. 348

---

רעד: דאָס דאַרף זייַן פון דער "קופּע" אויפן קאַרטל ניטאָ מער קיין געגעבענע.

---

1964 " |...| צו דער שלאַכט קעקן קלויסטערס, וואָס

האָבן געגלעקערט". גראַדע, דש' גק, ב' 49, ז' 67. 349

פור 38

גל=של= ע צ מ ו ת | גאַל=שעל=אַצאַמעס | – אַ בערגל מיט
ביינער, געניצט ס'רוב אין די פּראָזעס:

<u>מאַכן פֿון עמעצן אַ גל=של=עצמות</u> – מאַכן פֿון יענעם
אַ תל, צו נישט מאַכן.

1926 " רעד, אָדער איך <u>מאַך</u> פֿון דיר אַ <u>גל=של=עצמות</u>!".
<u>סערעני, 34</u>. 350

<u>ווערן/בלייבן אַ גל=של=עצמות</u> – צו נישט ווערן,
גאָרנישט בלייבן.

1872 " ביידע שטיק פֿיש זיינען אַריין, און אויף
דעם טעלער איז געבליבן אַ <u>גל=של=עצמות</u>". 352
<u>דיק, 34,64</u>.

1912 " עס האָט שוין געהאַלטן דערביי, אַז |...|
פֿונעם בעל=שם=טובס אייניקל זאַל ווערן אַ <u>גל=של=עצמות</u>". 351
<u>שלום=עליכם, 33, 217</u>.

86 די-

(?ב?) |געלערנהייט| ג ל ע ר נ יי ט

בעלערנטקייט

(1743)

3109 גלייך איין (חכם) האט גזאגט דיא גלערנהייט מאכט
איינם אלט זונדר יארן|...|.
שמרית ישראל
הקדמה.